בס"ד

## איך האב ליב

די הייליגע

# סדר נאכט

## ביכל



הייליגע קינדערלעך

ארויסגעגעבן דורך הרב יואל קליין

PRODUCED BY: REALISTIC PRODUCTION

# Credits:

**Script Composed, Music, Choir Recording, Editing, Mixing, Mastering,**

All de by

YOEL KLEIN
RECORDING STUDIO
718-344-1708

**געזונגען און גערעדט דורך:**

## "די הייליגע קינדערלעך קווייער"

**יצחק ברוין - שלמה׳לע**
**יואל ברויער**
**משה ברויער**
**ישעי׳ הערצל - משה׳לע**
**מענדל מאשקאוויטש**

**משה לאנדא**
**מענדי לאנדא**
**נפתלי לאנדא**
**אהרן שמעון קארן**
**שמואל ערפס**

**דוד קעניג**
**אליעזר זוסיא קעניג**
**הירצקא פריינד**
**וואלווי פריינד**
**נפתלי פליגמאן - קינד ביים טיש**

**מענער**

**טאטע:** הרב יואל קליין ~ **פרעה:** א.ט.

## און א עקסטערן גרויסע יישר כח...

פאר די אלע חשוב׳ע עלטערן שיחי׳ פון "די הייליגע קינדערלעך קווייער" פארן ערמעגליכן זייערע קינדער צו אנטיילנעמען אין דעם הערליכן און הייליגע סידי. און עקסטערע דאנק פאר די אלע טייערע קינדער וואס האבן אוועקגעגעבן פון זייער "פרייע צייט נאך נאכטמאל" צו קומען אין סטודיא, און פאר ענקער געדולד און אויסערגעוועדליכע גוטע און איידעלע אויפפירונג אין סטודיא.

**© Copyright 2011**
Realistic Production Inc.
Email: yk@kstudio1.com
Reprinted 2016

**Printed by:**

GP
Gross Printing Associates Inc.
34 - 35th Street • Brooklyn, NY 11232
Tel. 718-832-1110 • Fax. 718-832-1144
E-mail: grossprinting@gmail.com

**יישר כח ר׳ אליעזר טארים און ר׳ מרדכי שלמה פישמן**
**פאר דיין הערליכע גראפיקס,**
**איך האב נאך נישט געזעהן אזא גוטע און שנעלע סערוויס ווי ביי ענק**

הכרת הטוב צו מיין ידיד: **מו״ה חיים יחזקאל ניימאן. Sensible Progression**
**פאר דיין פראפיסיאנאלע הילף אויף יעדן טריט אין די ביזנעס**

**בילדער געמאלן דורך: ת. קיסרמאן 077-495-1325**

**הגהה און נְקוּדוֹת דורך: וְנִכְתָּב 347-675-8423**

**יישר כח פאר מיין געטרייע טאטע ר׳ אהרן צבי קליין שליט״א**
מלמד מומחה רבות בשנים **פאר׳ן שטיין צו די האנט צו יעדע צייט**
**מיט אזא געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט**

**יישר כח מו״ה אהרן גרויז פאר דיין טעקניקל הילף**

**יישר כח פאר די אלע חשובע מנהלים און מלמדים שליט״א**
**כל אחד בשמו יבורך פאר אייער עצה ותושיה**

**יישר כח המלמד ר׳ משה ראזענפעלד שליט״א**
פאר דיין ערשט האנטיגע הילף פאר׳ן Front cover

**תודה מיוחדת פארן היימישן זינגער**
**ר׳ יואל פריינד הי״ו**
**פארן ארויסהעלפן מיט אזויפיל הארץ**
**פאר באשטעלונגען רופט: 845.642.2313**

**אחרון אחרון חביב!**
צו מיינע טייערע קינדער שלמה יצחק און משה שמעון קליין

**מודעה:** קינדער וואס השי״ת האט זיי באשאנקען מיט א שיינע שטימע און א געבוירענע טאלאנט צו זינגען, אדער אז איר ווילט וויסן אויב אייער קינד איז פאסיג צו זיין א חלק אין ״די הייליגע קינדערלעך קווייער״, אדער פאר מער פרטים וויאזוי דאס גייט צו, שפירט אייך פריי צו רופן: 718-344-1708 די סטודיא געפינט זיך און הארץ פון וויליאמסבורג.

הרב יואל קליין

איך האב ליב

די הייליגע

# סדר נאכט

## CD Tracks:

1. איי איי פסח - ניגון
2. א גוט יום טוב
3. פאלגן מיט א שמייכל
4. זרוע ביצה וואס איז דאס - ניגון
5. קדש ורחץ - ניגון
6. פסח צייט יום טוב צייט - ניגון
7. קדש פסח אויף דער נאכט - ניגון
8. קדש
9. ורחץ
10. כרפס
11. יחץ
12. מגיד
13. מה נשתנה - ניגון
14. תירוץ
15. דם
16. צפרדע
17. כינים
18. ערוב
19. דבר
20. שחין
21. ברד
22. ארבה
23. חושך
24. מכת בכורות
25. פרעה זוכט משה רבינו
26. ממצרים - ניגון
27. פסח מצה מרור
28. עבודת הפרך
29. והיא שעמדה 1 - ניגון
30. והיא שעמדה 2 - ניגון
31. רחצה
32. מוציא
33. מצה
34. מרור
35. כורך
36. שלחן עורך
37. צפון
38. ברך
39. הלל
40. בצאת ישראל - ניגון
41. נרצה
42. לשנה הבא - ניגון
43. חסל סידור פסח 1 - ניגון
44. חסל סידור פסח 2 - ניגון
45. קריעת ים סוף
46. בבקעך ים סוף - ניגון

Track 1

## ניגון: אַײ אַײ פֶּסַח

אַײ אַײ פֶּסַח, מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּ פֶּסַח!
עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח!
אוּן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן, וֵוייס אִיךְ!

אַײ אַײ אַײ... אַײ... אַײ, אַײ, אַײ,
אַײ אַײ פֶּסַח, מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּ פֶּסַח!
עֶס קוּמְט דֶער יוֹם טוֹב פֶּסַח!
אוּן וָואס אִיךְ דַארְף טוּן וֵוייס אִיךְ!

אוֹיסְלֵיידִיגְן אַלֶע טַאשְׁן,
פוּן בְּרֶעקְלֶעךְ אוּן נַאשְׁן... לְכָבוֹד פֶּסַח
אַלֶע טוֹי׳ס מֶען וַואשְׁט אָפּ
אוּן דִי שְׁמוּץ מֶען קְרַאצְט אַרָאפּ לְכָבוֹד פֶּסַח





לְכָבוֹד פֶּסַח

אַיי, אַיי, אַיי, אַיי, זִינְגְט אַלֶע פַאר פֶּסַח!

אַיי, אַיי, אַיי,
וָואס מַיין טַאטֶע דַארְף טוּן, וֵוייס אִיךְ!

אוּן מֶען טוּט שְׁנֶעלֶער לוֹיפְן,
דִי חָמֵץ צוּ פַארְקוֹיפְן... בַּאלְד עֶס אִיז שׁוֹין פֶּסַח!
אַ לִיכְטֶעלֶע עֶר נֶעמְט אַרוֹיס,
בּוֹדֵק חָמֵץ דִי גַאנְצֶע הוֹיז...
בַּאלְד עֶס אִיז שׁוֹין פֶּסַח!
בַּאלְד עֶס אִיז שׁוֹין פֶּסַח!
אוּן מֶען זוּכְט שׁוֹין דִי 10 זֶעקְלֶעךְ,
אוּן מֶען טְרֶעפְט שׁוֹין דִי 10 בְּרֶעקְלֶעךְ!



אַהַא.. הַא... אַיי, אַיי, אַיי
דִי וַואסֶער קָאכְט מֶען אוֹיף
אוּן מְ'גִיסְט אַרוֹיף
מְ'כַּשֶׁר'ט שׁוֹין פַאר פֶּסַח
מְ'כַּשֶׁר'ט שׁוֹין פַאר פֶּסַח
אַיי אַיי אַיי... אַיי, אַיי, אַיי,
מְ'טוּט פַאר יֶעדְן אַרְבֶּעט טֵיילְן,
עֶפְּל, פָּאטֶעיטֶעס שֵׁיילְן
מְ'קָאכְט שׁוֹין פַאר פֶּסַח
מְ'קָאכְט שׁוֹין פַאר פֶּסַח!



אוּן מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי
אַלֶע קִינְדֶער קוּקְן צוּ
דִי פֵייעֶר עֶרֶב פֶּסַח
אַלֶע חָמֵץ מֶען טוּהְט וַוארְפְן
וַוייל מְ'טָאר עֶס שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן
אִין דִי פֵייעֶר עֶרֶב פֶּסַח



אִין דִי פֵּייעֶר עֶרֶב פֶּסַח
אַיי, אַיי, אַיי, אַיי, הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז פֶּסַח
אַיי, אַיי, אַיי, אַיי, הַיינְט בַּיינַאכְט אִיז פֶּסַח
אַהַא.. הַא... אַיי, אַיי, אַיי
מֶען לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן גְרוֹיס אוּן קְלֵיין
אוֹיסְגֶעְרִיהְט זָאל מֶען זַיין
פַאר דִי סֵדֶר פֶּסַח, פַאר דִי סֵדֶר פֶּסַח

אַיי אַיי אַיי ... אַיי... אַיי, אַיי, אַיי,
מֶען גְרֵייט אָן דִי סֵדֶר טִישׁ
מָרוֹר צִיפֶּעדִיג אוּן פְרִישׁ
דִי אֵייעֶר אוּן חֲרוֹסֶת
אוּן וֵויין פַאר דִי כּוֹסוֹת

מַיין טַאטֶע לוֹיפְט מַצּוֹת בַּאקְן
מִיר טוּעֶן דִי הוֹיז צוּזַאמְפַּאקְן..
שׁוֹין עֶס קוּמְט פֶּסַח
מֶען זֶעהט מֶער נִישְׁט קַיין אֵיין בְּרֶעקְל
אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אָן מַיין נֵייעֶ רֶעקְל
וַוייל יֶעצְט אִיז שׁוֹין פֶּסַח!

בָּרוּךְ הַבָּא פֶּסַח! אַ גוּט יוֹם טוֹב פֶּסַח!

Track 2

## אַ גוּט יוֹם טוֹב

**טַאטֶע:** אַ גוּט יוֹם טוֹב... אַ גוּט יוֹם טוֹב !

**שְׁלֹמִי:** אָה, דִי נֵייעֶ בֶּענְקְל ! דָא גֵיי אִיךְ זִיצְן !

**מוֹשִׁי:** נֵיין ! וָואס עֶפֶּעס ? טַאטִי הָאט גֶעזָאגְט אַז הַיינְט זִיץ אִיךְ אוֹיף דִי בֶּענְקְל !

**שְׁלֹמִי:** אָבֶּער אִיךְ הָאבּ עֶס עֶרְשְׁט גֶעכַאפְּט, לָאז אָפּ !





**מוֹשִׁי:** לָאז אָפּ וָואס? טַאטִי הָאט גֶעזָאגְט אַז אִיךְ הָאב עֶס!

**טַאטֶע:** קִינְדֶערְלֶעךְ טַייעֶרֶע, פֶּסַח בַּיינַאכְט, אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע צַייט, מֶען דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן גוּט אוֹיפְגֶעלַייגְט, אוּן אַוַודַאי, נִישְׁט מַאכְן בַּיים סֵדֶר אַ קְרִיגֶערַיי.

**שְׁלֹמִי:** אָקֶעי, דָא הָאסְטוּ דַיין בֶּענְקְל, אוּן נָאכְדֶעם דַארְף אִיךְ זִיצְן נֶעבְן דִי הֵייטְשֶׁער. אוּן פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אוֹיךְ הָאבְן דַוְוקָא דֶעי מַצָּה טַאשׁ? אוּן נָאכְדֶעם גֵיי אִיךְ נָאךְ בַּאקוּמֶען דִי קְלֶענְסְטֶע מַצָּה, אוּן אֶפְשָׁר נָאךְ אֲפִילוּ דִי פַארְבְּרֶענְטֶע חֵלֶק. טַאטִי, אִיךְ בִּין נִישְׁט צוּפְרִידְן, אִיךְ דַארְף דִי גְרוֹיסֶע בֶּעכֶער. טַאטִי, פַארְוָואס בַּאקוּם אִיךְ נָאר גְרֶעיפּ זְשׁוּס וַויין, אִיךְ דַארְף דִי אַנְדֶערֶע וַויין. פַארְשְׁטֵייסְט? אוּן נָאכְדֶעם חוֹל הַמּוֹעֵד, גֵייט מֶען זָאגְן אַז סְ׳אִיז צוּ קַאלְט, אוּן אִיךְ דַארְף בְּלַייבְן אִינְדֶערְהֵיים...

**מוֹשִׁי:** אִין מַיין הַגָּדָה, הָאט מַיין רֶבִּי אַריינְגֶעלֵייגְט זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע צֶעטְל.

## פאלגן מיט א שמייכל

Track 3

וֶועלְכֶע בֶּענְקְל מֶען הֵייסְט זִיצְן............ דַארְף מֶען פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

אוֹיף וֶועלְכֶע פְּלַאץ מֶען הֵייסְט זִיצְן .......... דַארְף מֶען פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

וֶועלְכֶע מַצָּה טַאשׁ מֶען בַּאקוּמְט........... דַארְף מֶען פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!



וֶועלְכֶע אוּן וִויפִיל מַצָּה מֶען בַּאקוּמְט..........דַארְף מֶען פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

וֶועלְכֶע בֶּעכֶער אָדֶער גְלָאז מֶען בַּאקוּמְט .......דַארְף מֶען פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

וֶועלְכֶע סָארְט וַויין מֶען בַּאקוּמְט.............דַארְף מֶען פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

טַאטֶע: חוֹל הַמּוֹעֵד, וֶוען יֶעדֶער וִויל עֶרְגֶעץ גֵיין אִין אַ גוּטֶע פְּלַאץ, אָבֶער טַאטִי אָדֶער מַאמִי זָאגְן, אַז הַיינְט אִיז צוּ קַאלְט, אָדֶער ס'בְּלָאזְט צוּ אַ שְׁטַארְקֶע ווִינְט, אוּן הַיינְט בְּלַייבְּט מֶען אִינְדֶערְהֵיים ............... דַארְף מֶען אוֹיךְ פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

קִינְדֶער: וואוּ דִי עֶלְטֶערְן טְרָאגְן חוֹל הַמּוֹעֵד ..................... דַארְף מֶען פָאלְגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל!

שְׁלֹמִי: דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט! אִיךְ בִּין שׁוֹין אַזוֹי פְרֵיילֶעךְ, אוּן אִיךְ קֶען שׁוֹין קוֹים וַוארְטְן אָנְצוּהֵייבְּן דִי הֵיילִיגֶע סֵדֶר!

Track 4

## ניגון זרוע ביצה

לָאמִיר זֶעהן וִויפִיל מִיר קֶענֶען,
וָואס דִי זַאכְן פוּן דִי קַעֲרָה זֶענֶען!

זְרוֹעַ, בֵּיצָה, מָרוֹר, חֲרוֹסֶת, כַּרְפַּס, חֲזֶרֶת, וָואס זֶענֶען זַיי?

זְרוֹעַ זְרוֹעַ, וָואס אִיז דָאס?
אַ שְׁטִיקְל גֶעבְּרָאטְן פְלֵייש, אַלְץ אָנְדֶענְק פוּן דֶעם קָרְבָּן פֶּסַח.

בֵּיצָה בֵּיצָה, וָואס אִיז דָאס?
אַ גֶעקָאכְטֶע אֵיי, אַלְץ אָנְדֶענְק פוּן דֶעם קָרְבָּן חֲגִיגָה.

מָרוֹר מָרוֹר, וָואס אִיז דָאס?
צִיפֶּעדִיגֶע כְרֵיין, אַלְץ זֵכֶר פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

חֲרוֹסֶת חֲרוֹסֶת, וָואס אִיז דָאס?
עֶפְּל וַויין אוּן נִיס, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי לֵיים.



כַּרְפַּס כַּרְפַּס, וָואס אִיז דָאס ?
אַ שְׁטִיקֶעלֶע גְרִינְצַייג, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.

חֲזֶרֶת חֲזֶרֶת, וָואס אִיז דָאס ?
אַ קָאפּ פוּן דִי מָרוֹר, צוּ דֶערְמַאנֶען דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט.
יָא, מִיר קֶענֶען זֵייעֶר פִיל. יָא, מִיר הָאבְּן דֶערְגְרַייכְט דֶעם צִיל.

זְרוֹעַ, בֵּיצָה, מָרוֹר, חֲרוֹסֶת, כַּרְפַּס, חֲזֶרֶת, וָואס זֶענֶען זֵיי,
לֵיי לֵיי לֵיי, לֵיי לֵיי לֵיי, לֵיי לֵיי לֵיי, יָא אִיךְ קֶען !
לֵיי לֵיי לֵיי...

## ניגון קדש ורחץ

Track 5

קַדֵּשׁ, וּרְחַץ, כַּרְפַּס, יַחַץ, מַגִּיד, רָחְצָה, מוֹצִיא, מַצָּה, מָרוֹר, כּוֹרֵךְ, שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ, צָפוּן, בָּרֵךְ, הַלֵּל, נִרְצָה.

## ניגון פסח צייט

Track 6

פֶּסַח צַייט, יוֹם טוֹב צַייט, דִי סֵדֶר טִישׁ אִיז צוּגֶעגְרֵייט דִי מַצּוֹת פֵיין, מִיט גוּטֶע וֵויין, גִיסְן מִיר אִין דִי כּוֹסוֹת אַרַיין. דִי שְׁטוּבּ גְלַאנְצְט שְׁמֶעקֶעדִיג אוּן פֵיין, קַיין בְּרֶעקֶעלֶע חָמֵץ טָאר נִישְׁט זַיין, וַוייל אִין אַ מַזָל'דִיגֶע שָׁעָה, דִי יוֹם טוֹב פֶּסַח אִיז שׁוֹין דָא.

## קדש ווען..

Track 7

**קַדֵּשׁ:** וֶוען דֶער טַאטֶע קוּמְט אַהֵיים פוּן שׁוּל, טוּט עֶר זִיךְ אָן דִי וַוייסֶע קִיטְל, אוּן עֶר מַאכְט שׁוֹין קִידוּשׁ, כְּדֵי דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶערְלֶעךְ זָאלְן נִישְׁט אַיינְשְׁלָאפְן.

**וּרְחַץ:** מֶען וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט, אוּן מֶען מַאכְט נִישְׁט דִי בְּרָכָה "עַל נְטִילַת יָדָיִם".

**כַּרְפַּס:** מֶען נֶעמְט אַ שְׁטִיקֶעלֶע גְרִינְצַייג וֵוייניגֶער ווִי אַ כְּזַיִת, אוּן מֶען טוּנְקְט עֶס אֵיין אִין זַאלְץ וַואסֶער, אוּן מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה "בּוֹרֵא פְּרִי הָאֲדָמָה", אוּן מֶען הָאט אִינְזִינֶען צוּ פַּטֶר'ן דֶעם "מָרוֹר".

**יַחַץ:** מֶען צוּטֵיילְט דִי מִיטֶעלְסְטֶע מַצָּה וָואס הֵייסְט "לֵוִי", דִי גְרֶעסֶערֶע הֶעלְפְט לֵייגְט מֶען אַוֶועק פַאר אֲפִיקוֹמָן, אוּן דִי קְלֶענֶערֶע הֶעלְפְט לֵייגְט מֶען צוּרִיק צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי מַצּוֹת.



**מַגִּיד:** מֶען זָאגְט דִי הַגָּדָה פוּן ״הָא לַחְמָא עַנְיָא״ בִּיז ״גָּאַל יִשְׂרָאֵל״.

**רָחְצָה:** מֶען וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט אוּן מֶען מַאכְט יָא דִי בְּרָכָה ״עַל נְטִילַת יָדַיִם״.

**מוֹצִיא:** מֶען הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע דְרֵיי מַצוֹת, אוּן מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה ״הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ״.

**מַצָּה:** מֶען לָאזְט אוֹיס דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַצָּה אוּן מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה ״עַל אֲכִילַת מַצָּה״.

**מָרוֹר:** מֶען נֶעמְט אַ כְּזַיִת מָרוֹר, אוּן מֶען טוּנְקְט עֶס אֵיין אִין חֲרוֹסֶת, אוּן מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה ״עַל אֲכִילַת מָרוֹר״.

**כּוֹרֵךְ:** מֶען נֶעמְט צְוֵויי שְׁטִיקֶעלֶעךְ פוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַצָּה אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין מָרוֹר, אוּן מֶען זָאגְט ״זֵכֶר לְמִקְדָּשׁ כְּהִלֵּל״.

**שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ:** מֶען גְרֵייט צוּם טִישׁ, מֶען עֶסְט, אוּן מֶען טְרִינְקְט, לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

**צָפוּן:** מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי בַּאהַאלְטֶענֶע אֲפִיקוֹמָן, אוּן מֶען עֶסְט אַ כְּזַיִת אָנְגֶעלַאנְט.

**בָּרֵךְ:** מֶען גִיסְט אָן דִי דְרִיטֶע כּוֹס אוּן מֶען בֶּענְטְשְׁט.

**הַלֵּל:** מֶען גִיסְט אָן דִי פֶערְטֶע כּוֹס אוּן מֶען זָאגְט הַלֵּל.

**נִרְצָה:** וֶוער עֶס טוּט דִי אַלֶע זַאכְן, אִיז בַּאוִוילִיגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## קדש

Track 8

**קַדֵּשׁ:** פֶּסַח בַּיים סֵדֶר, פִּירְט מֶען זִיךְ, אַז דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה מַאכְט קִידוּשׁ, אוּן וֶוען מְ׳זֶעצְט זִיךְ אַרָאפּ, לַאנְט מֶען זִיךְ אָן אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, צוּ וַוייזְן פַאר יֶעדְן, אַז אוּנְז זֶענֶען מִיר דִי קִינְדֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע קֶענִיג וָואס אִיז דֶער ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער״ אוּן אוּנְז לַאנֶען זִיךְ אָן אוֹיף דִי זַייט אַזוֹי וִוי אַ גְרוֹיסֶע גְרוֹיסֶע פָּרִיץ, אוּן אַזוֹי טְרִינְקְט מֶען אוֹיס דִי כּוֹס וַויין.



Track 9

## ורחץ



**וּרְחַץ:** מֶען וואַשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט, אָבֶּער מֶען זָאגְט נִישְׁט דִי בְּרָכָה ״עַל נְטִילַת יָדַיִם״ וַוייל מְ׳גֵייט נָאךְ נִישְׁט עֶסְן, מְ׳גֵייט טוּן אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן.

Track 10

## כרפס



**כַּרְפַּס:** מֶען נֶעמְט אַ שְׁטִיקֶעלֶע גְרִינְצַייג, מְ׳דַארְף עֶסְן נָאר אַ קְלַיין שְׁטִיקֶעלֶע, אוּן מֶען דַארְף אִינְזִין הָאבְּן צוּ פַּטֶרְ׳ן דֶעם מָרוֹר.

**שְׁלֹמִי:** טַאטִי, וָואס מֵיינְט אִינְזִינֶען הָאבְּן צוּ פַּטֶרְ׳ן מָרוֹר?



**טַאטֶע:** ״אִינְזִין הָאבְּן״ מֵיינְט, אַז מְ׳טְרַאכְט אַז אִיךְ מַאךְ יֶעצְט נָאר אֵיינְמָאל אַ בְּרָכָה אוֹיף דִי כַּרְפַּס, ״אָבֶער״ אוֹיךְ פַאר דִי מָרוֹר וָואס אִיךְ גֵיי בַּאלְד עֶסְן. פַארְשְׁטֵייסְט ?

Track 11

## יחץ

**יַחַץ:** מֶען צוּבְּרֶעכְט דִי מִיטְלְסְטֶע מַצָּה אִין הַאלְבּ, אוּן מְ׳קוּקְט... וֶועלְכֶע שְׁטִיקְל מַצָּה סְ׳אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען גְרֶעסֶער, דָאס פַּאקְט מֶען אַוֶועק פַאר ״אֲפִיקוֹמָן״, אוּן דִי קְלֶענֶערֶע מַצָּה לֵייגְט מֶען צוּרִיק אִין דִי קַעֲרָה, פוּן וואוּ מְ׳הָאט עֶס פְרִיעֶר גֶענוּמֶען.

**טַאטֶע:** זָאג מִיר צַדִיק׳ל, מֶעג אַ אִיד גַנְבֶ׳נֶען ? !

**שְׁלֹמִי:** חָלִילָה ! אַ אִיד טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט גַנְבֶ׳נֶען ! נָאר דִי אֲפִיקוֹמָן פִּירְט מֶען זִיךְ, אַז מֶען נֶעמְט עֶס צוּ פוּן דִי טַאטֶע, אוּן מְ׳גֶעבְּט עֶס צוּרִיק וֶוען מְ׳הַאלְט בַּיי צָפוּן ! אִיךְ וֵוייס שׁוֹין אַז מַיין טַאטֶע גֶעט אַ גוּטֶע אֲפִיקוֹמָן מַתָּנָה ! אוּן הֵיי יָאר גֵיי אִיךְ בֶּעטְן אַ...

**טַאטֶע:** עֶה ! מְ׳הַאלְט נָאךְ נִישְׁט דָארְטְן !..



Track 12

## מגיד

**נָא, מַגִּיד**, מְ׳זָאגְט דִי הַגָּדָה עֶרְלִיךְ, הוֹיעֶךְ אוּן לֶעבֶּעדִיג, אוּן מִיט אַ פְרֵיילִיכְקַייט.

פַאר ״מַה נִשְׁתַּנָּה״ אִיז אַ הוֹיכֶע צַייט, אוּן דֶעמָאלְטְס קֶען מֶען אוֹיסְבֶּעטְן זֵייעֶר אַסַאךְ זַאכְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיךְ אַ אִינְגֶעלֶע אָדֶער אַ מֵיידֶעלֶע קֶען אִינְזִינֶען הָאבְּן אָדֶער זָאגְן אַ קַאפִּיטְל



תְּהִילִים, און בֶּעטְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶּער אַלֶעס וָואס מְ׳וִויל.

Track 13

## מה נשתנה

טַאטֶע לֶעבְּן אִיךְ וִויל דִיר פִּיר קַשְׁיוֹת פְּרֶעגְן:

מַה נִּשְׁתַּנָּה — פַארְוָואס אִיז פַארְעֶנְדֶערְט גֶעוָוארְן
הַלַּיְלָה הַזֶּה — דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח
מִכָּל הַלֵּילוֹת — פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאר

דִי עֶרְשְׁטֶע קַשְׁיָא אִיז:

שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת — אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאר
אָנוּ אוֹכְלִין — עֶסְן מִיר
חָמֵץ וּמַצָּה — סַיי חָמֵץ און סַיי מַצָּה
הַלַּיְלָה הַזֶּה — דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח
כֻּלּוֹ מַצָּה — עֶסְן מִיר נָאר מַצָּה:

דִי צְוֵויטֶע קַשְׁיָא אִיז:

שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת — אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאר
אָנוּ אוֹכְלִין — עֶסְן מִיר
שְׁאָר יְרָקוֹת — פַארְשִׁידֶענֶע גְרִינְצֵייגְן
הַלַּיְלָה הַזֶּה — דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח
מָרוֹר — אִיז אַ מִצְוָה צוּ עֶסְן מָרוֹר:

דִי דְרִיטֶע קַשְׁיָא אִיז:

שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת — אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאר
אֵין אָנוּ מַטְבִּילִין — טוּנְקֶען מִיר נִישְׁט אַיין



אֲפִילוּ פַּעַם אֶחָת — אֲפִילוּ אֵיין מָאהל אוֹיךְ נִישְׁט
הַלַּיְלָה הַזֶּה — דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח
שְׁתֵּי פְעָמִים — טוּנְקֶען מִיר אַיין צְוֵויי מָאהל
אֵיין מָאהל כַּרְפַּס אִין זַאלְץ וַואסֶער, אוּן אֵיין מָאהל מָרוֹר אִין חֲרוֹסֶת.

דִי פֶערְטֶע קַשְׁיָא אִיז:
שֶׁבְּכָל הַלֵּילוֹת — אַלֶע אַנְדֶערֶע נֶעכְט פוּן אַ גַאנְץ יָאר
אָנוּ אוֹכְלִין — עֶסְן מִיר
בֵּין יוֹשְׁבִין — סַיי זִיצֶענְדִיג
וּבֵין מְסֻבִּין — אוּן סַיי אָנְגֶעלַאנְט
הַלַּיְלָה הַזֶּה — דִי נַאכְט פוּן פֶּסַח
כֻּלָּנוּ מְסֻבִּין — עֶסְן מִיר אַלֶע אָנְגֶעלַאנְט

טַאטֶע לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעפְרֶעגְט פִיהר קַשְׁיוֹת, זַיי מוֹחֵל אוּן עֶנְטְפֶער מִיר אַ תֵּירוּץ.

**טַאטֶע:** אָהָ, דִי תֵּירוּץ אִיז פַאר יֶעדְן זֵייעֶר גוּט בַּאקַאנְט. מִיט אַסַאךְ אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק, וֶוען אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען אִין אַ לַאנְד וָואס הֵייסְט מִצְרַיִם. קִינְדֶערְלֶעךְ עֶטְס זֶענְטְס אִין חֵדֶר, עֶטְס קֶענְטְס דִי מַעֲשֶׂה פוּן יְצִיאַת מִצְרַיִם. אֱמֶת?



ווִי אַזוֹי הָאט גֶעהֵייסְן דִי קֶענִיג פוּן מִצְרַיִם? **פַּרְעֹה!**

וָואס הָאט פַּרְעֹה גֶעהֵייסְן דִי יוּדְן טוּן אִין מִצְרַיִם? **אַרְבֶּעטְן זֵייעֶר שְׁוֶוער!**

אוֹי, הָאבְּן דִי יוּדְן גֶעהַאט כֹּחַ צוּ אַרְבֶּעטְן אַזוֹי שְׁוֶוער? **נֵיין!**

וָואס הָאבְּן דִי פָּאלִיס גֶעטוּן פַאר דִי יוּדְן? **שְׁטַארְק גֶעשְׁלָאגְן!**

צוּ וֶועמֶען הָאבְּן דִי יוּדְן גֶעוֵויינְט? **צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער!**

וֶועם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעשִׁיקְט צוּ פַּרְעֹה? **מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן!**

וָואס הָאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעזָאגְט פַאר פַּרְעֹה? **עֶר זָאל שׁוֹין אַרוֹיס לָאזְן דִי יוּדְן פוּן מִצְרַיִם!**

הָאט דֶער שְׁלֶעכְטֶער פַּרְעֹה גֶעוָואלְט אַרוֹיס לָאזְן דִי יוּדְן? **נֵיין!**

וָואס הָאט פַּרְעֹה בַּאקוּמֶען? **צֶען מַכּוֹת!**

ווִי אַזוֹי הֵייסְן דִי מַכּוֹת?

**דָם - בְּלוּט. צְפַרְדֵעַ - פְרֶעשׁ. כִּנִּים - לַייז. עָרוֹב - ווִילְדֶע חַיוֹת. דֶבֶר - אַ מָארְד. שְׁחִין - אֵייטֶער בְּלָאטֶערְן. בָּרָד - הָאגְל. אַרְבֶּה - הַיישֶׁערִיקְן. חֹשֶׁךְ - טוּנְקְל. מַכַּת בְּכוֹרוֹת - אַלֶע עֶלְצְטֶע זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן!**

**זֵייעֶר גוּט!**

Track 15

## דם

**טַאטֶע: דָם, בְּלוּט!** פַאר דִי שְׁלֶעכְטֶע גוֹיִם דִי מִצְרִיִים, אִיז גֶעשֶׁעהְן, אַז אַלֶע זֵייעֶרֶע טְרִינְקֶען אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט! אוּן זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט טוּן. אַלֶעס אִיז גֶעוָוארְן בְּלוּט! דִי וַואסֶער, מֶען הָאט גֶעגְרָאבְּן אַ נֵייעֶ גְרוּבּ, מֶען הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן פְרִישֶׁע וַואסֶער פוּן אַ קְוַואל, אָאָפְּס, ס'שְׁפְּרִיצְט בְּלוּט, זֵיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעהַאט קַיין וַואסֶער. נָאר אוֹיבּ אַ גוֹי הָאט בַּאצָאלְט אַסַאךְ גֶעלְט פַאר אַ אִיד, הָאבְּן זֵיי בַּאקוּמֶען צוּ טְרִינְקֶען אֵיין בִּיסֶעלֶע וַואסֶער!

אָבֶער דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען וַואסֶער ווִיפִיל זֵיי הָאבְּן גֶעדַארְפְט.



שְׁטֵייט אַ אִינְגֶעלֶע מִיט אַ קָאפּ וַואסֶער אוּן עֶר טְרִינְקְט, אוּן אַ מִצְרִי זֶעהְט, ״הֶעי, דוּ הָאסְט וַואסֶער״, אִיךְ גֵיי צוּכַאפְּן דִי אִינְגֶעלֶע׳ס וַואסֶער. אוּן עֶר לוֹיפְט צוּ... בְּרְרְרר בְּלוּט! וִוי אַזוֹי קֶען זַיין? דוּ אִינְגֶעלֶע, טְרִינְקְסְט וַואסֶער, אוּן פַאר מִיךְ אִיז עֶס בְּלוּט? אוֹי...

אוּן אַלֶע מִצְרִיִים לוֹיפְן צוּ פַּרְעֹה:

**מִצְרִי:** פַּרְעֹה, וֶועגְן דִיךְ, דוּ בִּיסְט שוּלְדִיג, שִׁיק אַרוֹיס דִי יוּדְן, אוּנְז דַארְפְן וַואסֶער!

**טַאטֶע:** אוּן פַּרְעֹה הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן, אוּן גֶעזָאגְט:

**פַּרְעֹה:** אָקֶעי, אִיךְ שִׁיק אַרוֹיס דִי יוּדְן, אָבֶּער אִיךְ ווִיל דָא זֶעהן וַואסֶער! פַארְשְׁטַאנֶען?

**טַאטֶע:** אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַוֶועק גֶענוּמֶען דִי מַכָּה פוּן בְּלוּט. אַז פַּרְעֹה שִׁיקְט אַרוֹיס דִי יוּדְן, אִיז נָאמָאר גֶעוֶוען בְּלוּט. אָבֶּער פַּרְעֹה הָאט גֶעזֶעהן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא מֶער קַיין בְּלוּט, הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן! אוּן פַּרְעֹה הָאט גֶעזָאגְט:

**פַּרְעֹה:** נֵיין נֵיין נֵיין! אִיךְ לָאז נִישְׁט דִי יוּדְן גֵיין!

**טַאטֶע:** אָהההההה... הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט, פַּרְעֹה, דוּ בִּיסְט אַן עַקְשָׁן? נָא נָא, אִיךְ וֶועל דִיךְ שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה, וָואס הָאט גֶעהֵייסְן...



Track 16

## צפרדע

צְפַרְדֵעַ, פְּרֶעשׂ! אַסַאךְ קִינְדֶער הָאבְּן לִיבּ זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן מִיט אַ פְּרָאשׁ... אָבֶּער... פְּלוּצְלִינְג, פוּן דִי וַואסֶער שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס אַ רִיזִיגֶע גְרוֹיסֶע שְׂרֶעקֶעדִיגֶע פְּרָאשׁ, דִי שְׁלֶעכְטֶע גוֹיִם הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען גְרָאבֶּע שְׁטֶעקֶענֶעס, אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ שְׁמַייסְן שְׁטִיקֶער אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע פְּרָאשׁ! אוּן... דִי בּוֹיךְ פוּן דִי גְרוֹיסֶע פְּרָאשׁ הָאט זִיךְ אוֹיף גֶעפְּלַאצְט, אוּן עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען מִילְיָאנֶען שְׁמִילְיָאנֶען פִּיצִי קְלֵיינְטְשִׁיגֶע פְּרָאשֶׁעלֶעךְ!

דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁפִּילְן מִיט זֵיי, אָבֶּער פַּאר דִי גוֹיִם אִיז גֶעוֶוען אַן אַנְדֶערֶע מַעֲשֶׂה, דִי פְּרֶעשׁ זֶענֶען אַרַיין גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין זֵייעֶר עֶסְן, אֵיינֶער הָאט גֶעגֶעסְן קָארְן פְלֶעקְס אוּן מִילְךְ, אָה אָפְּס אַ פְּרָאשׁ! אֵיין מִצְרִי הָאט גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן בַּאקְן קָאקָאשׁ קֶעיק, וֶוען אַ בַּאנְדֶע פְּרֶעשׁ זֶענֶען אַרַיין גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין דִי גֶעז רֶענְטְשׁ, אִין דִי הֵייסֶע הֵייסֶע אוֹיוְון אוּן אַרַיין גֶעקְרָאכְן אִין דִי טֵייג...

**מוֹשִׁי:** יָא, דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, אוּן דִי פְּרֶעשׁ הָאבְּן זִיךְ גָארְנִישְׁט אָפְּגֶעבְּרִיהט פוּן דִי הֵייסֶע אוֹיוְון.

**טַאטֶע:** שְׁטֶעלְטְס עֶנְק פָּאר קִינְדֶערְלֶעךְ, דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג פַּרְעֹה, עֶר זִיצְט זִיךְ



אַזוֹי בַּאקְוֶועם אוֹיף זַיין שְׁטִיל, אִין זַיין הֶערְלִיכֶע פַּאלַאץ, וֶוען פְּלוּצְלִינְג
קוּמְט צוּ קְרִיכְן אַ פְּרָאשׁ...

פַּרְעֹה: וָואס קוּמְט דָא צוּ קְרִיכְן? אַ פְּרָאשׁ?! דוּ! בַּאדִינֶערְס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם פְּרָאשׁ פוּן דָא. עֶר קוּמְט, הַאלְטְס אִים... הַאלְטְס אִים צוּרִיק, מְחוּצָף דוּ, גֵיי אַרָאפּ פוּן דָא! גֵיי אַרָאפּ פוּן מִיךְ דוּ, אִיךְ בִּין אַ קֶענִיג! אוֹי, וואוּ קוּמְט עֶר דָא אוֹיף מַיין קָאפּ, דוּ עֶקְלְדִיגֶע פְּרָאשׁ, אַהה אָהה אַרָאפּ פוּן מִיר...

טַאטֶע: אוּן דִי פְּרָאשׁ קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיף פַּרְעֹה, אַרוֹיף אַרוֹיף אַרוֹיף, הֶעכֶער זַיין קָאפּ, אוֹיף זַיין נָאז, עֶר קְרִיכְט אַרַיין אִין פַּרְעֹה׳ס מוֹיל, אַרָאפּ זַיין הַאלְדְז, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין פַּרְעֹה׳ס בּוֹיךְ..! אוּן דִי פְּרָאשֶׁ׳עלֶע פַאנְגְט אָן צוּ רֶעדְן פוּן פַּרְעֹה׳ס בּוֹיךְ ״לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן פוּן מִצְרַיִם..., פַּרְעֹה, לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן פוּן מִצְרַיִם!... פַּרְעֹה, לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן פוּן מִצְרַיִם!״

מוֹשִׁי: אוּן וֶוען פַּרְעֹה הָאט מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט:

פַּרְעֹה: אִיךְ לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן!

טַאטֶע: דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, אַלֶע פְּרֶעשׁ זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, נָאמָאר דָא!.. אַזוֹי וִוי פַּרְעֹה הָאט גֶעזֶעהְן אַז דִי פְּרֶעשֶׁעלֶעךְ זֶענֶען מֶער נִישְׁטָא, וָואס הָאט פַּרְעֹה גֶעזָאגְט?

קִינְדֶער: נֵיין נֵיין נֵיין! אִיךְ לָאז נִישְׁט דִי יוּדְן גֵיין!!

טַאטֶע: אָהההה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט, פַּרְעֹה, דוּ בִּיסְט אַן עַקְשָׁן? נָא נָא! אִיךְ וֶועל דִיךְ שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה וָואס הָאט גֶעהֵייסְן...

Track 17

## כִּינִים

כִּנִּים, לַייז! עֶטְס קֶענְטְס עֶנְק פָארְשְׁטֶעלְן? לַייז, אִיז אַזוֹי וִוי אַזַא פִּיצִי





פִּיצִי פִּיצִי וִויצִי קְרִיכֶעדִיגֶע מוּרִישְׁקֶע, אוּן דֶער הֵייליִגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשִׁיקְט מִילְיָאנֶען מִילְיָאנֶען פִּיצִי וִויצִי לַייז, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקְרָאכְן אוֹיף דִי הוֹיט פוּן אַלֶע מִצְרִיִים, אוֹיף דִי פִּיס, אוֹיף דִי הֶענְט, אוֹיף דִי בּוֹיךְ, אוֹיף דִי קָאפּ, אִיבֶּערָאל, אוּן סְ׳הָאט גֶעקְרַאצְט אוּן גֶעצִיפְּט, אוּן גֶעקִיצְלְט, אוּן גֶעקְרַאצְט, אוּן דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זִיךְ



גֶעקְרַאצְט אוּן גֶעקְרַאצְט אוּן געקררראצט, סְ׳הָאט גֶעקְרַאצְט... סְ׳הָאט גֶעקְרַאצְט..., אוּן סְ׳הָאט שׁוֹין גֶעבְּלוּט פוּן אַזוֹי סַאךְ קְרַאצְן, אוּן פַּרְעֹה רוּפְט זַיין גְרוֹיסֶע דָאקְטֶער, אוּן עֶר וֵויינְט צוּ אִים...

**פַּרְעֹה:** סְ׳קְרַאצְט קְרַאצְט קְרַאצְט קְרַאצְט קְרַאצְט, סְ׳קְרַאצְט מִיר בְּרְרְרר.... סְ׳קְרַאצְט אוּן סְ׳קְרַאצְט... אַלֶע זַייטְן קְרַאצְט מִיר דָא יוֹא...

**קִינְד:** הַא הַא הַא! פַּרְעֹה׳ס דָאקְטֶער, הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ מֶעדֶעצִין, אַ קְרִים, אוּן נָאךְ עֶפֶּעס אַ שְׁמִירֶעכְטְס, אוּן פַּרְעֹה הָאט שׁוֹין גֶעהַאט הֶע... 152 מִילְיאָן בֶּענְדִישֶׁעס אוֹיף זַיין נָאז... הֶע, הֶע, הֶע... אָבֶּער סְ׳הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן!

**פַּרְעֹה:** בְּרְרְרר... רוּף מִיר שׁוֹין מֹשֶׁה!.. מֹשֶׁה, וָואק אַרוֹיס מִיט דִי יוּדְן שׁוֹין יֶעצְט, וַוייל סְ׳קְרַאצְט, סְ׳זָאל שׁוֹין אוֹיפְהֶערְן צוּ קְרַאצְן.

**טַאטֶע:** דֶער הֵייליִגֶע בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, אוּן אַלֶע לַייז זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּן עֶס הָאט נָאמָאר גֶעקְרַאצְט!



**פַּרְעֹה:** הַא הַא הַא, סְ'קְרַאצְט מֶער נִישְׁט, קֵיינֶער גֵייט מֶער נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ! יֶעדֶער בְּלַייבְּט דָא!

**טַאטֶע:** אָהההה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט,

**מוֹשִׁי:** פַּרְעֹה, דוּ בִּיסְט אַן עַקְשָׁן? נָא נָא!

**טַאטֶע:** אִיךְ וֶועל דִיר שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה וָואס הָאט גֶעהֵייסְן...

## עָרוֹב

Track 18

**קִינְד:** עָרוֹב, ווִילְדֶע חַיּוֹת, וֶוער אִיז שׁוֹין אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ זָא? אוּן גֶעזֶעהן דִי אַלֶע גְרוֹיסֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע חַיּוֹת, מִיט אַ רִיזִיגֶע מוֹיל, אוּן אַ סַאךְ שְׁטֶעכֶעדִיגֶע צֵיינֶער, דִי אַלֶע חַיּוֹת זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן דִי וַואלְד אוּן אָנְגֶעפַאנְגֶען "אוֹיפְצוּעֶסְן" דִי שְׁלֶעכְטֶע גוֹיִם, דִי מִצְרִיִּים וָואס הָאבְּן גֶעפַּיינִיגְט דִי יוּדְן.

**מוֹשִׁי:** מַיין רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן דִי חַיּוֹת גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁפִּילְן מִיט דִי חַיּוֹת, אוּן דִי גְרוֹיסֶע עֶלֶעפַאנְט הָאט גֶעגֶעבְּן רֵיידְס פַאר דִי קִינְדֶער אוֹיף זַיין רִיקְן, סְ'אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי סַאךְ פָאן!

**טַאטֶע:** עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִי וָואס פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁלָאגְן דִי יוּדְן, מִיט אַ גְרוֹיסֶע פַּאסִיק, אוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִי גוֹי הָאט גֶעזֶעהן ווִי



אַ רִיזִיגֶע לֵייב קוּמְט, קוּמְט, קוּמְט.. ס׳קוּמְט צוּ אִים.. דִי לֵייבּ ווִיל אִים אוֹיפְּעֶסְן..

**מִצְרִי גוֹי:** אַ לֵייבּ, "אִיךְ צִיטֶער"!

**טַאטֶע:** דֶער מִצְרִי גוֹי הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן עֶר אִיז שְׁנֶעל אַרַיין גֶעלָאפְן אִין זַיין הוֹיז, צוּגֶעמַאכְט דִי טִיר, אַרוֹיף גֶעלָאפְן אַלֶע סְטֶעפְּסֶעס, אוּן עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוֹיף דִי דַאךְ פוּן זַיין הוֹיז, אוּן דֶער שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִי זָאגְט:

**מִצְרִי גוֹי:** אַ מְחַיֶה, דָא וֶועט מִיךְ דִי לֵייבּ "קֵיינְמָאל נִישְׁט טְרֶעפְן!"

**טַאטֶע:** וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעטוּן? דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשִׁיקְט אַ גְרוֹיסֶע, זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע פֵייגְל וָואס הֵייסְט אַ אָדְלֶער, אוּן דִי אָדְלֶער הָאט מִיט זַיינֶע פְלִיגְלֶען גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמַייס אַרָאפּ דִי שְׁלֶעכְטֶע מִצְרִי פוּן דִי דַאךְ, אוּן עֶר אִיז גֶעפְלוֹיגְן אַרָאפּ בִּיז דִי פְלָאר, אוֹיף דִי גְרָאז, אוּן דִי לֵייבּ הָאט אוֹיפְגֶעמַאכְט זַיין מוֹיל... אוּן גֶעגֶעבְּן אַן עֶס אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע גוֹי! ... נָאמָאר..

**טַאטֶע:** אָבֶּער יֶעצְט אִיז גֶעשֶׁעהן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווִי פְּרִיעֶר...

**פַּרְעֹה:** דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט ווִיפִיל דִי חַיוֹת הָאבְּן גֶעגֶעסְן פוּן דִי מִצְרִיִים פַּאר פְרִישְׁטָאג, לָאנְטְש, סַאפֶּער, סְנֶעקְס, אוּן אַלֶעס צוּזַאמֶען? גֵיי אַרוֹיס מִיט דִי יוּדְן, אוּן אִיךְ ווִיל עֶנְק מֶער נִישְׁט זֶעהן דָא, אַרוֹיס פוּן דָא!

**טַאטֶע:** אָבֶּער אַזוֹי ווִי דִי מַכָּה פוּן עָרוֹב הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהֶערְט, אוּן אַלֶע חַיוֹת זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, הָאט זִיךְ פַּרְעֹה נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶעלַאכְט.

**פַּרְעֹה:** מַיין הַארְץ אִיז שְׁטַארְק, אִיךְ צִיטֶער מֶער נִישְׁט פוּן דִי חַיוֹת, יֶעדֶער בְּלַייבְּט דָא אַלֶע יוּדְן!

**קִינְדֶער:** אָהההה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיךְ שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה...





Track 19

## דבר

**טאַטֶע:** דֶבֶר, אַ מָארְד. יֶענֶע צַייט הָאט מֶען אִין מִצְרַיִם גֶעקֶענְט קוֹיפְן זֵייעֶר גוּטֶע בְּהֵמוֹת, לְמָשָׁל קִיעֶן שֶׁעפֶּעלֶעךְ הָארְסִי׳ס צִיגֶעלֶעךְ. אוּן אַלֶע בְּהֵמוֹת וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף דִי גַאס אָדֶער אִין דִי פַּארְם, זֶענֶען פְּלוּצְלִינְג גֶעשְׁטָארְבְּן! נָאר דִי בְּהֵמוֹת וָואס מֶען הָאט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין שְׁטַאל, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן לֶעבְּן. אוּן דִי מִצְרִיים הָאבְּן גֶעזֶעהְן, אוֹי אוֹי אוֹי, וָואס גֵייט פָּאר? אַלֶע זֵייעֶרֶע בְּהֵמוֹת שְׁטַארְבְּן! זֵיי זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּ פַּרְעֹה אוּן גֶעוֵויינְט...

**מִצְרִי:** פַּרְעֹה, וֶועגְן דִיךְ שְׁטַארְבְּן אוּנְזֶערֶע בְּהֵמוֹת, לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן פוּן מִצְרַיִם, סְ׳אִיז דַיין שׁוּלְד!

**טאַטֶע:** פַּרְעֹה לָאזְט נָאכְאַמָאל רוּפְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְט עֶר צוּ..

**פַּרְעֹה:** יֶעצְט זָאג אִיךְ צוּ צוּ צוּ צוּ צוּ צוּ... אִיךְ שִׁיק יֶעדֶעם אַרוֹיס.

**טאַטֶע:** אוּן אַזוֹי וִוי דִי בְּהֵמוֹת הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ שְׁטַארְבְּן..



קִינְדֶער: נֵיין, נֵיין, נֵיין! אִיךְ לָאז נִישְׁט דִי יוּדְן גֵיין.

פַּרְעֹה: נֵיין נֵיין, יֶעדֶער בְּלַייבְּט דָא!

מוֹשִׁי: אָהההה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער גֶעזָאגְט, פַּרְעֹה, דוּ בִּיסְט אַן עַקְשָׁן? נָא נָא! אִיךְ וֶועל דִיךְ שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה.

Track 20

## שחין

טַאטֶע: שְׁחִין.

קִינְד: אֵייטֶער בְּלָאטֶערְן.

טַאטֶע: דֶעס מֵיינְט, אַז דִי הוֹיט פוּן פַּרְעֹה אוּן אַלֶע מִצְרִיִּים, זֶענֶען גֶעוָוארְן פִּיל מִיט גְרָאבֶּע פִּימְפְּלְס, וָואס הָאט גֶעבְּלוּט, אוּן עֶס הָאט גֶעהַאט אַן אִינְפֶּעקְשָׁאן, אוּן עֶס אִיז גֶערִינֶען פוּן דֶעם אֵייטֶער, אַזַא וֵוייסֶע זַאךְ וָואס רִינְט אַרוֹיס פוּן אַן אִינְפֶּעקְשָׁאן בָּאבָּא, אוּן עֶס טוּהְט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵויי.

פַּרְעֹה: אִיךְ הָאב אַזַא גְרָאבֶּע פִּימְפְּל, אַז אִיךְ קֶען שוֹין אָנְפִילְן אַ גַאנְצֶע בָּאטְל פוּן וִויפִיל אֵייטֶער סְ'אִיז גֶערִינֶען פוּן דֶעם. סְ'טוּהט וֵויי, דָאקְטֶער, קֶענְסְטוּ מִיר גֶעבְּן עֶפֶּעס נָאךְ אַ קְרִים? נָאךְ אַ מֶעדֶעצִין פַאר מֵיין נָאז? סָא קֶען אִיךְ הָאבְּן נָאךְ אַ בֶּענְדִיטְשׁ? אָה אוֹיטְשׁ.



**טַאטֶע:** פַּרְעֹה לָאזְט נָאכְאַמָאל רוּפְן משֶׁה רַבֵּינוּ.

**פַּרְעֹה:** אִיךְ לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן, פֶּערְטִיג !

**טַאטֶע:** אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט דִי מַכָּה פוּן שְׁחִין, הָאט זִיךְ פַּרְעֹה נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֶעלַאכְט...

**פַּרְעֹה:** הַא הַא, נֵיין נֵיין, אִיךְ לָאז נִישְׁט דִי יוּדְן גֵיין !

**טַאטֶע:** אָהההה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיר שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה וָואס הָאט גֶעהֵייסְן...

Track 21

## בָּרָד

**בָּרָד, הָאגְל!** קִינְדֶערְלֶעךְ, הָאט עֶטְס שׁוֹין אַמָאל גֶעזֶעהן אַ פֵייעֶר טְרָאק ? צוּ וֵוייסְט עֶטְס אַז פֵייעֶרְלֶעשֶׁערְס נִיצְן וַואסֶער אוֹיסְצוּלֶעשְׁן אַ פֵייעֶר ?

וֶוען דִי הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפֶען דִי וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעמַאכְט, אַז וֶוען וַואסֶער רִינְט אַרוֹיף אוֹיף אַ פֵייעֶר, לֶעשְׁט זִיךְ דִי פֵייעֶר אוֹיס ! אָבֶער בַּיי דִי מַכָּה פוּן בָּרָד, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעמַאכְט, אַז עֶס זָאל אָנְפַאנְגֶען צוּ רֶעגֶענֶען פוּן דִי הִימְל גְרוֹיסֶע שְׁטִיקֶער פֵייעֶר, אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט קַאלְטֶע פַארְפְרוֹירֶענֶע וַואסֶער וָואס הֵייסְט ״הָאגְל״, אוּן דִי פֵייעֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן ! אָההה, דֶעס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעפֶערְלִיךְ ! וַוייל אַלֶע שֵׁיינֶע בֵּיימֶער וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְן גֶעפְלַאנְצְן,



הָאט זִיךְ צוּבְּרָאכְן! אוּן דִי פֵייעֶר הָאט פַארְבְּרֶענְט זֵייעֶרֶע הַייזֶער, אוּן ס'הָאט גֶעפְּלַאקֶערְט אִין מִצְרַיִם אַ פֵייעֶר, אוּן דִי וַואסֶער הָאט עֶס נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן!

**קִינְד:** הָא, אוּן וֶוען אַ מִצְרִי גוֹי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס, הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַזוֹינֶע זֶעצֶעס אִין קָאפּ אַרַיין, פוּן דִי פֵייעֶר מִיט דִי הָאגְל, אַז עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ רוֹיעֶךְ!

**טַאטֶע:** פַּרְעֹה הָאט זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר לָאזְט נָאכְאַמָאל רוּפְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְט עֶר צוּ,

**פַּרְעֹה:** מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן, אִיךְ לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן.

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעמַאכְט פַּרְעֹה'ס הַארְץ זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר דִי מִצְרִיִים אוּן פַאר אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶערְלֶעךְ, אַז "עֶר אִיז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פוּן דִי וֶועלְט" אוּן נָאר עֶר אִיז "שְׁטַארְק". אוּן וֶוען ס'הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ רֶעגֶענֶען פֵייעֶר מִיט הָאגְל, הָאט פַּרְעֹה נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דִי יוּדְן, אוּן פַּרְעֹה הָאט נָאכְאַמָאל גֶעשְׁרִיגְן.

**קִינְדֶער:** נֵיין נֵיין, אוּן נָאכְאַמָאל נֵיין!

**פַּרְעֹה:** אִיךְ לָאז זֵיי "נִישְׁט" אַרוֹיסְגֵיין!

**טַאטֶע:** אָהההה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל דִיר שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה וָואס הָאט גֶעהֵייסְן...

## ארבה

Track 22

**אַרְבֶּה**, הַיישֶׁערִיקְן. יָא יָא, דִי זֶעלְבֶּע הַיישֶׁערִיקְן וָואס מֶען הֶערְט אִין דִי קָאנְטְרִי ווִי זֵיי מַאכְן קְרִי קְרִי קְרִי קְרִי, בְּזְזְזְזז.... פוּן זֵיי הָאט דֶער



הֵייליִגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט בִּילִיאָנֶען, בִּילִיאָנֶען הַיישֶׁעריִקְן זֶענֶען גֶעפְּלוֹיגְן אִין דִי לוּפְט, זֵיי הָאבְּן פַּארְשְׁטֶעלְט דִי זוּן, מְ׳הָאט גֶעמֵיינְט סְ׳אִיז בַּיינַאכְט! זֵיי הָאבְּן זִיךְ בַּאזֶעצְט אוֹיף אַלֶע בֵּיימֶער וָואס זֶענֶען נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן גַאנְץ פוּן דִי מַכָּה פוּן בָּרָד, אוּן אוֹיךְ זֶענֶען זֵיי גֶעפְּלוֹיגְן צוּ פֶּעלְדֶער וִוי עֶס וַואקְסְן גְרָאז מִיט גְרִינְצַייג אוּן פְּרוּכְט, אוּן אַלֶע וַוייעֶכֶע גְרָאז, אוּן זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אוֹיפְגֶעגֶעסְן, אוּן סְ׳אִיז גָארְנִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן! פַּרְעֹה לָאזְט נָאכְאַמָאל רוּפְן משֶׁה רַבֵּינוּ.

**פַּרְעֹה:** יוֹא! אַזֶעלְכֶע הַיישֶׁעריִקְן? אִין מַיין לֶעבְּן הָאבּ אִיךְ דָאס נִישְׁט גֶעזֶעהן. אְ.. אִי.. אִיךְ זָ..זָא..זָאג שׂוֹין צוּ צוּ.. עֶכְט עֶכְט.. עֶכְט, אִיךְ גֵיי שׂוֹין אַרוֹיס לָאזְן דִי יוּדְן פוּן מִצְרַיִם.

**טַאטֶע:** אַ בָּאנְטְשׁ מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעכַאפְּט הַיישֶׁעריִקְן, אוּן מְ׳הָאט עֶס אַרַיינְגֶעפַּאקְט מִיט זַאלְץ אוּן אוֹיל אוּן פֶּעפֶּער, מְ׳הָאט עֶס גֶעוָואלְט עֶסְן, אוּן וֶוען דִי הַיישֶׁעריִקְן זֶענֶען אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, זֶענֶען אַלֶעס וָואס דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעלֵייגְט, אַוֶועק גֶעפְלוֹיגְן! אָבֶער פַּרְעֹה הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן!

**פַּרְעֹה:** מַיין הַארְץ אִיז שְׁטַארְק, אוּן אִיךְ זָאג נֵיין, וֶועט קֵיינֶער פוּן דָא נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין!

**קִינְדֶער:** אָהההה הָאט דֶער הֵייליִגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט,

**טַאטֶע:** פַּרְעֹה, יָא, דוּ בִּיסְט נָאךְ אַלְץ אַן עַקְשָׁן. נָא נָא! אִיךְ וֶועל דִיר שִׁיקְן נָאךְ אַ מַכָּה וָואס הָאט גֶעהֵייסְן...



Track 23

## חושך



חֹשֶׁךְ, טוּנְקְל,
טוּנְקְל, שְׁוַארְץ. קִינְדֶערְלֶעךְ,
מַאכְטְס צוּ עֶנְקֶער אוֹיגְן,

**קִינְד:** אָבֶער נִישְׁט פְּלֶעגְן טוּנְקְל, שְׁטָאק פִּינְסְטֶער, דִי מִצְרִיִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן,

**טַאטֶע:** וֶוער עֶס אִיז גֶעזִיצְן,

**קִינְד:** הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן!

**טַאטֶע:** אוּן וֶוער עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען,

**קִינְד:** הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּזֶעצְן!

**טַאטֶע:** אוּן וֶועלְכֶע מִצְרִי עֶס הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן אַרָאפּ בֵּייגְן,

**קִינְד:** אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַיינְגֶעבּוֹיגְן וִוי אַ קָאקָאשׁ קֶעיק...

**טַאטֶע:** אוּן נָאר פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיז גֶעוֶוען פֵּיין לֶעכְטִיג.

דִי מִצְרִיִים פְּלֶעגְן גַנְבֶ'נֶען פוּן דִי יוּדְן אַסַאךְ זַאכְן, אוּן זֵיי הָאבְּן עֶס בַּאהַאלְטְן אִין זֵייעֶר הוֹיז. יֶעצְט בַּיי דִי מַכָּה פוּן חֹשֶׁךְ זֶענֶען דִי יוּדְן אַרַיין גֶעגַאנְגֶען, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן דִי מִצְרִיִים, אוּן מְ'הָאט גֶעזֶעהְן וואוּ אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן זֶענֶען, אָה! דָא אִיז מַיין שֵׁיינֶע לַייכְטֶער! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְפְט אוּנְז! דָא אִיז עֶס, אָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּן



די מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעזֶעהן, און זֵיי הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פון פְּלַאץ! ווִי אַ סְטֶעטְשׁוּ!

**פַּרְעֹה:** וָואס איז גֶעשֶׁעהן מִיט דִי וֶועלט? אִיךְ קֶען מִיךְ נִישְׁט רִירְן! ס׳אִיז טוּנְקְל! מֹשֶׁה, קֶענְסְטוּ פְּלִיז אָנְצִינְדְן דִי זון פַאר מִיר סְ׳זָאל שׁוֹין וֶוערְן לֶעכְטִיג אוֹיף דִי וֶועלְט? אִיךְ לָאז אַרוֹיס דִי יוּדְן.

**טַאטֶע:** אַזוֹי וִוי דִי מַכָּה פון חֹשֶׁךְ אִיז אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען און סְ׳אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיג, הָאט דֶער לִיגֶענֶער פַּרְעֹה גֶעזָאגְט?

**קִינְדֶער:** נֵיין נֵיין נֵיין!

**פַּרְעֹה:** אִיךְ לָאז נִישְׁט דִי יוּדְן אַרוֹיסְגֵיין!!

**טַאטֶע:** דֶער הֵיילִיגֶע בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר מֹשֶׁה, אִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבּ שְׁטַארְק גֶעמַאכְט פַּרְעֹה׳ס הַארְץ, אַז עֶר זָאל נִישְׁט וֶועלְן אַרוֹיס לָאזְן דִי יוּדְן פון מִצְרַיִם. טַאקֶע פַאר דֶעם, וַוייל אִיךְ ווִיל אִים גֶעבְּן אַזַא מַכָּה וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט וֶועט רֶעדְן פון דֶעם. און יֶעדֶער וֶועט זֶעהן אַז אִיךְ בִּין דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט! און נָאר מִיךְ דַארְף מֶען פָאלְגְן. און דָאס קִינְדֶערְלֶעךְ אִיז גֶעוֶוען, **"מַכַּת בְּכוֹרוֹת"!**

## מכת בכורות

Track 24

**שְׁלֹמִי:** דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן פַאר דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּ שֶׁעכְטְן אַ קָרְבָּן פֶּסַח, און נֶעמֶען דִי בְּלוּט פון דִי קָרְבָּן פֶּסַח און אַרוֹיפְשְׁמִירְן אוֹיף דִי טִיר.

**טַאטֶע:** און וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט זֶעהן דִי בְּלוּט, וֶועט עֶר ווִיסְן אַז דָא וואוֹינְט אַ אִיד.

שַׁא שְׁטִיל.... סְ׳אִיז טוּנְקְל... אִינְמִיטְן דִי נַאכְט.... 12:00 אַזֵייגֶער,



אִיז דֶער הֵײלִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אַלֵײן אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַלֶע הַײזֶער אִין מִצְרַיִם, אוּן וֶועלְכֶע הוֹיז סְ׳אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁמִירְט בְּלוּט נֶעבְּן דִי טִיר, אִיז דֶער הֵײלִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיבֶּער גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען דִי הוֹיז, אוּן גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי נֶעקְסְטֶע הוֹיז, וואוּ עֶס הָאט גֶעוואוֹינְט אַ מִצְרִי אַ שְׁלֶעכְטֶע גוֹי, אוּן דֶער הֵײלִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳עט דִי עֶלְצְטֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה וָואס הָאט גֶעוואוֹינְט אִין יֶענֶע הוֹיז. יֶעדֶע בְּכוֹר, יֶעדֶע עֶלְצְטֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעשְׁטָארְבְּן, בּוּם.

דִי מִצְרִיִים זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן צוּ פַּרְעֹה מִיט זֵײעֶרֶע טוֹיטֶע מִצְרִיי׳שֶׁע קִינְדֶער אוֹיף דִי הֶענְט אוּן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן.

**מִצְרִיִים:** פַּרְעֹה, פַּרְעֹה, פַּרְעֹה, פַּרְעֹה, סְ׳אִיז דַײן שוּלְד! פַּרְעֹה, אִין יֶעדֶע מִצְרִיי׳שֶׁע הוֹיז שְׁטַארְבְּט דִי עֶלְצְטֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה! פַּרְעֹה, פַּרְעֹה, דוּ בִּיסְט אוֹיךְ דִי עֶלְצְטֶע פוּן דִי מִשְׁפָּחָה, פַּרְעֹה, דוּ גֵייסְט בַּאלְד שְׁטַארְבְּן! פַּרְעֹה, סְ׳אִיז דַײן שוּלְד!

**טַאטֶע:** פַּרְעֹה הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, פַּרְעֹה שְׁפְּרִינְגְט אַרוֹיס פוּן זַײן בֶּעט, אוּן עֶר לוֹיפְט אַרוּם אִין דִי גַאסְן זוּכְן מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן, עֶר הָאט נִישְׁט זַײן שֵׁיינֶע קֶענִיגְלִיכֶע קְלֵייד, פַּרְעֹה הָאט פִּידְזְשַׁאמֶעס!

## פרעה זוכט משה

Track 25

**מוֹשִׁי:** הֶע, הָאט עֶטְס גֶעהֶערְט, דֶער גְרוֹיסֶער קֶענִיג פַּרְעֹה לוֹיפְט אַרוּם אִין אַלֶע גַאסְן מִיט זַײן ״פִּידְזְשַׁאמֶעס״!

**קִינְדֶער:** שֶׁעם שֶׁעם פַּרְעֹה, פַּרְעֹה לוֹיפְט אַרוּם מִיט ״פִּידְזְשַׁאמֶעס״!

**פַּרְעֹה:** לַאךְ נִישְׁט פוּן מַיינֶע פִּידְזְשַׁאמֶעס... אִיךְ בִּין פַּרְעֹה... אָבֶּער וואוּ אִיז מֹשֶׁה??

**קִינְדֶער:** מַאךְ אַ רֶעכְטְס, נָאכְדֶעם אַ לִינְקְס, לוֹיף גְרָאד, דְרֵיי דִיךְ אַרוּם נָאכְדֶעם,



דָארְט מַאךְ אַ רֶעכְטְס, אַ לִינְקְס...

**פַּרְעֹה:** מֹשֶׁה, אִיךְ בִּין אַ בְּכוֹר, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אִיךְ גֵיי שְׁטַארְבְּן! וואו אִיז מֹשֶׁה???

**קִינְדֶער:** נֵיין וָואק גְרָאד, דָארְטְן, דָארְטְן! נֵיין דְרֵיי דִיךְ אַרוּם...

**פַּרְעֹה:** קִינְדֶער וָואס מַאכְט עֶטְס פָּאן פוּן מִיר? אִיךְ בִּין פַּרְעֹה!

**קִינְדֶער:** אָבֶּער דוּ לוֹיפְסְט אַרוּם מִיט פִּידְזְשַׁאמֶעס אִין גַאס! סְ'אִיז אַזוֹי פָּאנִי... הַא הָא...

**פַּרְעֹה:** וואוּ אִיז מֹשֶׁה?

**קִינְדֶער:** דוּ זוּכְסְט מֹשֶׁה? דְרֵיי דִיךְ אַרוּם... אִין בֶּעק פוּן דִיךְ דָארְטְן...

**פַּרְעֹה:** אִיךְ בִּין שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען דָארְט, דָארְט אִיז עֶר נִישְׁטָא! מֹשֶׁה.. מֹשֶׁה..



מֹשֶׁה.. מֹשֶׁה מֹשֶׁה וואו בִּיסְטוּ?

**טַאטֶע:** בִּיז... עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ.

**פַּרְעֹה:** דָא בִּיסְטוּ מֹשֶׁה. מֹשֶׁה, אִיךְ מַאךְ אוֹיף שׁוֹין דִי טִיר פוּן מִצְרַיִם, אוּן גֵייטְס אַלֶע אַרוֹיס פוּן דָא. זֵיידֶעס, טַאטֶעס, מַאמֶעס, בַּאבֶּעס, קִינְדֶערְלֶעךְ, שֶׁעפְּעלֶעךְ, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען גֵיין. "גֵייטְס"!

**טַאטֶע:** מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר פַּרְעֹה, נָאו, וָואס עֶפֶּעס? אַרוֹיסְגֵיין פוּן מִצְרַיִם אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, אַזוֹי וִוי אַ גַנָב? דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעזָאגְט, אַז מִיר גֵייעֶן אַרוֹיס מָארְגְן 12:00 אַזֵייגֶער אִינְמִיטְן טָאג, וֶוען דִי זוּן שַׁיינְט, זָאל יֶעדֶער זֶעהן אַז אוּנְז גֵיי מִיר אַרוֹיס וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וויל, נִישְׁט וֶוען דוּ רָשָׁע מְרוּשָׁע פַּרְעֹה הֵייסְט!

דִי נֶעקְסְטֶע טָאג, אִיז פַּרְעֹה שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי טִיר, אוּן אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן דִי יוּדְן,

**פַּרְעֹה:** אַלֶע יוּדְן גֵייטְס אַלֶע אַרוֹיס פוּן דָא. גֵייטְס שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער, אַרוֹיס, גֶעגַאנְגֶען, שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער שְׁנֶעלֶער, אַרוֹיס, גֶעגַאנְגֶען, גֶעגַאנְגֶען.

**טַאטֶע:** דִי יוּדְן הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אִינְמִיטְן מַאכְן אַ טֵייג, אַז מְ'זָאל קֶענֶען מִיטְנֶעמֶען עֶסְן וֶוען מְ'גֵייט אַרוֹיס אוֹיף אַ ווַייטֶע וֶועג. אָבֶּער פַּרְעֹה הָאט יֶעדְן אַרוֹיסְגֶעטְרִיבְּן, סְ'אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין צַייט אָפְּצוּבַּאקְן דִי טֵייג, הָאט מֶען עֶס אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אוֹיף דִי אַקְסְלֶען, אוּן דִי זוּן הָאט עֶס אָפְּגֶעבַּאקְן, אוּן סְ'אִיז גֶעוָוארְן מַצוֹת!

## ניגון ממצרים גאלתנו

Track 26

מִמִּצְרַיִם גְּאַלְתָּנוּ, מִבֵּית עֲבָדִים פְּדִיתָנוּ,
מִמִּצְרַיִם, קַיין יְרוּשָׁלַיִם!



## פסח מצה ומרור

Track 27

שְׁלֹמִי: פַאר דֶעם מוּזְן מִיר טוּן דְרֵיי זַאכְן:

פֶּסַח, מַצָה אוּן מָרוֹר.


פסח

טַאטֶע: פֶּסַח אִיז אַ זֵכֶר צוּ דִי קָרְבָּן פֶּסַח וָואס דִי יוּדְן הָאבְּן גֶעשָׁאכְטְן אוּן גֶעשְׁמִירְט דִי בְּלוּט אַרוּם דִי טִיר.


מצה

מַצָה, אַ זֵכֶר צוּ דִי מַצָה וָואס דִי זוּן הָאט אָפְּגֶעבַּאקְן, וֶוען מְ'אִיז אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם.


מרור

אוּן מָרוֹר, צוּ גֶעדֶענְקֶען וִוי בִּיטֶער שְׁוֶוער דִי יוּדְן הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אִין מִצְרַיִם!

מוֹשִׁי: טַאטִי, קֶענְסְטוּ אוּנְז פְּלִיז, אַבִּיסְל פַארְצֵיילְן, וָואס דִי יוּדְן הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט אַזוֹי שְׁוֶוער אִין מִצְרַיִם?

טַאטֶע: אַוַודַאי. פֶּסַח בַּיינַאכְט טוּעֶן מִיר אַסַאךְ זַאכְן אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ גַאנְץ יָאר, טַאקֶע פַאר דֶעם, אַז עֶטְס טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, זָאלְן פְרֶעגְן קַשְׁיוֹת. אוּן פַאר דִי טַאטֶע אִיז אַ "מִצְוָה" צוּ עֶנְטְפֶערְן אוּן דֶערְצֵיילְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה "וְהִגַּדְתָּ" דוּ זָאלְסְט פַארְצֵיילְן, "לְבִנְךָ" צוּ דַיינֶע קִינְדֶער.

## עבודת הפרך

Track 28

אוֹי, דִי יוּדְן הָאבְּן מִיטְגֶעמַאכְט שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרוֹת פוּן דֶער רָשָׁע פַּרְעֹה אוּן זַיינֶע מִצְרִיִים.

לְמָשָׁל, וֶוער קָאכְט אוּן בַּאקְט אִין אַ הוֹיז?





שְׁלֹמִי: די מַאמֶע!

טַאטֶע: און וֶוער גֵייט אַרְבֶּעטְן שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, לְמָשָׁל בּוֹיעֶן אַ הוֹיז, אוֹיךְ אַ מַאמֶע?

קִינְד: נֶע?! אַ מַאמֶע קֶען נִישְׁט קְרִיכְן אוֹיף אַ גְרוֹיסֶע לֵייטֶער... זִיכֶער טוּעֶן עֶס טַאטֶעס!

טַאטֶע: אָה! אָבֶּער דֶער רָשָׁע פַּרְעֹה, הָאט פַּאר דַוְוקָא גֶעהֵייסְן, אַז דִי טַאטֶעס זָאלְן טוּן דִי אַרְבֶּעט וָואס נָאר פְרוֹיעֶן קֶענֶען טוּן, אוּן דִי מַאמֶע׳ס זָאלְן טוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס נָאר אַ טַאטֶע קֶען טוּן!

קִינְד: אַזַא רָשָׁע דֶער פַּרְעֹה!

טַאטֶע: און עֶטְס וֵוייסְטְס וָואס נָאךְ? פַּרְעֹה הָאט גֶעהֵייסְן אַז דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, זָאלְן אוֹיפְבּוֹיעֶן צְוֵויי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט, אֵיינְס הָאט גֶעהֵייסְן "פִּתוֹם" און אֵיינְס הָאט גֶעהֵייסְן "רַעַמְסֵס". קִינְדֶער, עֶטְס קֶענְטְס עֶנְק פָּארְשְׁטֶעלְן, וָואס עֶס מֵיינְט צוּ בּוֹיעֶן אַ שְׁטָאט? נִישְׁט אַ קְלֵיינֶע קָאנְטְרִי, אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט!

שְׁטֶעלְטְס עֶנְק פָּאר, קוּקְט אַרוֹיס פוּן דִי פֶענְסְטֶער, וָואס זֶעהט עֶטְס? הַייזֶער, אַסַאךְ הַייזֶער, גְרוֹיסֶע און קְלֵיינֶע, אַיינְפְלַאנְצְן בֵּיימֶער, מַאכְן אַלֶע רָאוּדְס, גִיסְן סֶעמֶענְט, און אַלֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט. און דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְן גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, מְ׳הָאט גֶעדַארְפְט אַלֵיין צוּזַאמְשְׁטֶעלְן אַ סְפֶּעשְׁל מִין סֶעמֶענְט וָואס הֵייסְט "לֵיים",



אוּן מְ׳הָאט נִישְׁט בַּאצָאלְט קַיין אֵיין פֶּענִי! גָארְנִישְׁט!! אוּן אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט זִיךְ פַּאר אַ סֶעקוּנְדֶע גֶעוָואלְט אָפְּרוּהֶען, אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין דִי מִצְרִי׳שֶׁע פָּאלִיס, אוּן גֶענוּמֶען אַ גְרוֹיסֶע בְּלוּטֶעדִיגֶע פַּאסִיג, אוּן אָנְגֶעפְּרַאסְקֶעט דִי אִיד, אוֹי... סְ׳הָאט אַזוֹי וֵויי גֶעטוּן, אוּן אוֹיבּ הָאט דֶער אִיד גֶעשְׁרִיגְן אַוּטְשׁ, הָאט אִים דֶער מִצְרִי נָאךְ מֶער אָנְגֶעפְּרַאסְקֶעט. דִי גְרוֹיסֶע סְטְרַאפּ הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעצִיפְּט, אוּן דֶער אִיד אִיז נֶעבֶּעךְ גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן רוֹיט אוּן אָנְגֶעשְׁוָואלְן, אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעמוּזְט אַרְבֶּעטְן וַוייטֶער, אוֹי.. סְ׳הָאט אַזוֹי וֵויי גֶעטוּן.

אוּן עֶטְס וֵוייסְטְס וָואס נָאךְ דִי מִצְרִיִּים הָאבְּן גֶעטוּן? דִי יוּדְן הָאבְּן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַ הוֹיז, אוּן וֶוען דִי הוֹיז אִיז גֶעוָוארְן פַארְטִיג, זֶענֶען דִי מִצְרִיִּים גֶעקוּמֶען מִיט אַ גְרוֹיסֶע טְרֶעקְטָאר, אוּן צוּבְּרָאכְן דִי גַאנְצֶע הוֹיז! דִי גַאנְצֶע הוֹיז מִיט אַלֶע דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט וָואס דִי יוּדְן הָאבְּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט, הָאבְּן דִי מִצְרִיִּים דִי רְשָׁעִים צוּבְּרָאכְן אִין פְּרָאנְט פוּן זֵייעֶרֶע אוֹיגְן, אוּן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעדַארְפְט נָאכְאַמָאל אִיבֶּערבּוֹיעֶן דִי גַאנְצֶע הוֹיז פוּן אָנְהֵייבּ, אוּן נָאךְ דֶעם הָאבְּן עֶס דִי מִצְרִיִּים נָאכְאַמָאל צוּבְּרָאכְן, אוֹי!

**מוֹשִׁי:** אַזֶעלְכֶע רְשָׁעִים, אוּן אַזַא רִשְׁעוּת.

**טַאטֶע:** דִי יוּדְן הָאבְּן גֶעוֵויינְט אִין זֵייעֶר הַארְץ צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעשִׁיקְט משֶׁה רַבֵּינוּ זָאל אָנְוָוארֶענֶען פַּרְעֹה, עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ פַּיינִיגְן דִי יוּדְן, אוּן זֵיי אַרוֹיסְלָאזְן פוּן מִצְרַיִם.

אוּן וִויסְן זָאלְט עֶטְס טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אֲפִילוּ מִיר זֶענֶען טַאקֶע יֶעצְט אִין גָלוּת, אַ אִיד קֶען אַלֶעמָאל בֶּעטְן פוּן אוּנְזֶער זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען עֶר וִויל, אוּן וָואס עֶר וִויל. אוּנְזֶער גֶעטְרַייעֶר טַאטֶע אִין הִימְל, הֶערְט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיס! פוּן אַ קְלֵיינֶע אִינְגֶעלֶע, אָדֶער מֵיידֶעלֶע, בִּיז אַ גְרוֹיסֶע עֶלְטֶער זֵיידֶע אוּן בַּאבֶּע. וֶוען אַ אִיד בֶּעט פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶפֶּעס, הֶעלְפְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מִיט וָואס עֶר דַארְף.



## והיא שעמדה
ניגון

Track 29-30

וְהִיא שֶׁעָמְדָה לַאֲבוֹתֵינוּ וְלָנוּ. שֶׁלֹּא אֶחָד בִּלְבָד עָמַד עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ. אֶלָּא שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר עוֹמְדִים עָלֵינוּ לְכַלּוֹתֵנוּ, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַצִּילֵנוּ מִיָּדָם.

## רחצה

Track 31

טַאטֶע: רָחְצָה. מֶען וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְט, אוּן יֶעצְט זָאגְט מֶען יָא דִי בְּרָכָה "עַל נְטִילַת יָדָיִם". וַוייל יֶעצְט גֵייט מֶען שׁוֹין עֶסְן דִי מַצוֹת.



## מוציא - מצה

Track 32-33

מוֹצִיא. מֶען הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע דְרֵיי מַצוֹת, אוּן מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה "הַמּוֹצִיא לֶחֶם מִן הָאָרֶץ".

מַצָּה. מֶען לָאזְט אוֹיס דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַצָּה, אוּן מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה "עַל אֲכִילַת מַצָּה".




פסח
מצה
מרור



## מרור

Track 34

מָרוֹר. מֶען נֶעמְט אַ כְּזַיִת מָרוֹר, אוּן מְ׳טוּנְקְט עֶס אֵיין אִין חֲרוֹסֶת, אוּן מֶען מַאכְט אַ בְּרָכָה ״עַל אֲכִילַת מָרוֹר״. אוּן דָאס עֶסְט מֶען נִישְׁט אָנְגֶעלַאנְט.

## כורך

Track 35



כּוֹרֵךְ. מֶען נֶעמְט צְוַויי שְׁטִיקֶעלֶעךְ פוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע מַצָּה, אוּן מֶען לֵייגְט אַרַיין אִינְמִיטְן מָרוֹר, אַזוֹי וִוי אַ סֶענְדְוִויטְשׁ, אוּן מֶען זָאגְט ״זֵכֶר לְמִקְדָּשׁ כְּהִלֵּל״.

## שלחן עורך

Track 36

שֻׁלְחָן עוֹרֵךְ. מְ׳גְרַייט צוּם טִישׁ, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט לְכָבוֹד פֶּסַח.

אוּן קִינְדֶער, גֶעדֶענְקֶען, עֶנְקֶערֶע מַאמֶע׳ס הָאבְּן זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּצוּגְרֵייטְן אַזַא דֶעלִישֶׁעס פֶּסַח׳דִיגֶע סְעוּדָה, נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ זָאגְן יְיַשֵׁר כֹּחַ מַאמִי! מַאמִי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט נוּצְן דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע קָאךְ וָואס מְ׳נוּצְט אַ גַאנְץ יָאר, מַאמִי דַארְף נוּצְן אַ קְלֵיינֶע פֶּסַח קִיטְשְׁן, אוּן נָאר אֵיין קְלֵיינֶע קַאוּנְטֶער. אוּן סְ׳אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גְרִינְג, סַיי צוּצוּשְׁטֶעלְן סַאפֶּער עֶרֶב פֶּסַח, אוּן זִיךְ אָפְּזֵייפְן דִי הֶענְט, אָנְטוּן פֶּסַח׳דִיגֶע הֶענְטְשֶׁעךְ אוּן קָאכְן אַ גְרוֹיסֶע טָאפּ טְשִׁיקְן זוּפּ. זָאגְן, יְיַשֵׁר כֹּחַ מַאמִי!



**שְׁלֹמִי:** אהַ, אַזֶעלְכֶע דֶעלִישֶׁעס פֶּסַח׳דִיגֶע עֶסְן! מַאמִי, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער! אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ מַאמִי פַאר אַזֶעלְכֶע פֵיינֶע עֶסְן!

Track 37

## צפון

**טַאטֶע:** צָפוּן. אִיךְ מַיין, אַז יֶעדֶער וֵוייסְט וָואס צָפוּן מֵיינְט... נָא, אַהֶער מִיטְן אֲפִיקוֹמָן! נָא, וֶוער הָאט עֶס גֶע׳גַנְבֶ׳עט?

**שְׁלֹמִי:** יָא, אִיךְ הָאב עֶס בַּאהַאלְטְן... אָבֶער גוּט בַּאהַאלְטְן, אַז טַאטִי גֵייט מִיךְ צוּזָאגְן אַ......

**טַאטֶע:** וָואס אַ.... קוּם אַהֶער שְׁלֹמֹה׳לֶע, וָואס דַארְפְסְטוּ פַאר אֲפִיקוֹמָן?!

**שְׁלֹמִי:** אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט שֵׁיין צוּ בֶּעטְן צוּ אַ טַייעֶרֶע זַאךְ... מַיין סֶעט חוּמָשִׁים אִיז שׁוֹין אַבִּיסְל צוּרִיסְן, טַאטִי, קֶענְסְטוּ מִיר פְּלִיז קוֹיפְן אַ נֵייעֶ סֶעט חוּמָשִׁים?

**טַאטֶע:** אַווַדַאי, אוּן דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען זֵייעֶר פְלַייסִיג אִין דִי נֵייעֶ סֶעט חוּמָשִׁים?

**שְׁלֹמִי:** אַווַדַאי טַאטִי! אִיךְ נֶעם זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אוּנְטֶער, אַז אִיךְ וֶועל פְלַייסִיג לֶערְנֶען אִין דֶעם, אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען ״אַלֶעס״ וָואס מֶען לֶערְנְט אִין חֵדֶר! אוּן דָא הָאסְטוּ דַיין אֲפִיקוֹמָן טַאטִי.

**טַאטֶע:** יְיַשֵׁר כֹּחַ מַיין טַייעֶר קִינְד פַאר אַזַא הֵיילִיגֶע צוּזָאג, דוּ בִּיסְט אַ הֵיילִיגֶע צַדִיק.



**מוֹשִׁי:** אַ צַדִּיק ? ! עֶר הָאט אַ שׁוּל מִיט חֲסִידִים ? אוּן עֶר נֶעמְט קְוִויטְלֶעךְ ? וְויאַזוֹי קֶען אַ אִינְגֶעלֶע זַיין אַ צַדִּיק ? !

## בּרך

Track 38

**טַאטֶע:** דוּ הָאסְט אַ גְרוֹיסֶע מִיסְטֶעק, אַ צַדִּיק וָואס הָאט אַ שׁוּל מִיט חֲסִידִים, אוּן נֶעמְט קְוִויטְלֶעךְ, אוּן פּוֹעֶלְ'ט יְשׁוּעוֹת פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, הֵייסְט אוֹיךְ אַ הֵיילִיגֶע רֶבִּי, אָבֶער יֶעדֶע אִיד, אֲפִילוּ אַ קְלַיין קִינְד פוּן נוּרְסֶערִי, אָדֶער קִינְדֶערְגַארְטְן, וָואס פָאלְגְט שֵׁיין מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוּן פִּירְט זִיךְ אוֹיף וואוֹיל, הֵייסְט אַ עֶכְטֶע צַדִּיק !.. נָא, בָּרֵךְ !

**מוֹשִׁי:** מֶען גִיסְט אָן דֶעם דְרִיטְן כּוֹס, אוּן מֶען בֶּענְטְשְׁט עֶרְלִיךְ, יֶעדֶעס וָוארְט קְלָאר...

**טַאטֶע:** זֵייעֶר גוּט מוֹשִׁי, דוּ בִּיסְט אוֹיךְ אַ הֵיילִיגֶע צַדִּיק.

**מוֹשִׁי:** אוּן נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ עֶפֶענֶען דִי טִיר פַאר אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא.

**טַאטֶע:** אוּן מֶען בֶּעט "שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ" אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען.



## הלל

Track 39

הַלֵל. מֶען גִיסְט אָן דֶעם פֶערְטְן כּוֹס, אוּן מִיר דַאנְקְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מִיר זִינְגֶעְן שֵׁיין הַלֵל !



## ניגון בצאת ישראל

Track 40



בְּצֵאת יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם, בֵּית יַעֲקֹב מֵעַם לֹעֵז: הָיְתָה יְהוּדָה לְקָדְשׁוֹ, יִשְׂרָאֵל מַמְשְׁלוֹתָיו: הַיָּם רָאָה וַיָּנֹס, הַיַּרְדֵּן יִסֹּב לְאָחוֹר: הֶהָרִים רָקְדוּ כְאֵילִים, גְּבָעוֹת כִּבְנֵי צֹאן: מַה לְּךָ הַיָּם כִּי תָנוּס, הַיַּרְדֵּן תִּסֹּב לְאָחוֹר: הֶהָרִים תִּרְקְדוּ כְאֵילִים, גְּבָעוֹת כִּבְנֵי צֹאן: מִלִּפְנֵי אָדוֹן חוּלִי אָרֶץ, מִלִּפְנֵי אֱלוֹקַ יַעֲקֹב: הַהֹפְכִי הַצּוּר אֲגַם מָיִם, חַלָּמִישׁ לְמַעְיְנוֹ מָיִם:

## נרצה

Track 41

טַאטֶע: נִרְצָה.

מוֹשִׁי, שְׁלֹמִי: וֶוער עֶס טוּט דִי אַלֶע זַאכְן אִיז בַּאווִילִיגְט פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן !

טַאטֶע: דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ !

## ניגון לשנה הבא

Track 42

לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם, שׁוֹין שׁוֹין בִּירוּשָׁלַיִם הַבְּנוּיָה. יְשׁוּעַת ה' כְּהֶרֶף עַיִן, לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלָיִם. אָנָּא ה' הוֹשִׁיעָה נָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בִּירוּשָׁלַיִם הַבְּנוּיָה.

## ניגון חסל סידור פסח

Track 43-44

חֲסַל סִדּוּר פֶּסַח כְּהִלְכָתוֹ. כְּכָל מִשְׁפָּטוֹ וְחֻקָּתוֹ. כַּאֲשֶׁר זָכִינוּ לְסַדֵּר אוֹתוֹ. כֵּן נִזְכֶּה לַעֲשׂוֹתוֹ. זָךְ שׁוֹכֵן מְעוֹנָה. קוֹמֵם קְהַל עֲדַת מִי מָנָה. בְּקָרוֹב נַהֵל נִטְעֵי כַנָּה. פְּדוּיִם לְצִיּוֹן בְּרִנָּה.



## קריאת ים סוף

Track 45

טַאטֶע: וֶוען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן פוּן מִצְרַיִם, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעפִירְט צוּ אַ וַואסֶער, בַּאקַאנְט אַלְץ דֶער "יַם סוּף", אוּן אוֹיךְ דָא הָאט פַּרְעֹה נָאכְאַמָאל גֶעהֵייסְן נָאכְלוֹיפְן דִי יוּדְן.

פַּרְעֹה: דִי יוּדְן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן! לָאמִיר זֵיי נָאכְלוֹיפְן! לָאמִיר זֵיי נָאכְלוֹיפְן!

טַאטֶע: זֵיי זֶענֶען נָאכְגֶעלָאפְן דִי יוּדְן מִיט פֶערְד אוּן וֶועגֶענֶער, אָבֶּער אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט אַ גְרוֹיסֶע וָואלְקְן, אוּן אַרָאפּ גֶעשְׁטֶעלְט גְלַייךְ הוּנְטֶער דִי יוּדְן, אוּן וֶוען דִי מִצְרִיִים הָאבְּן גֶעוָוארְפְן שְׁפִּיזְן אוּן מֶעסֶערְ'ס, הָאט עֶס דִי גְרוֹיסֶע וָואלְקְן אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אוּן פַאר דִי יוּדְן אִיז גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁעהְן.

שְׁלֹמִי: דִי יוּדְן הָאבְּן גֶעזֶעהְן פוּן אֵיין זַייט דִי מִצְרִיִים, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אַ וַואסֶער, וואוּ גֵייט מֶען? וָואס טוּט מֶען?

טַאטֶע: וָואס מֶען טוּט?! מֶען אִיז מִתְפַּלֵל צוּם הֵיילִיגְן בּוֹרֵא! אוּן עֶר הֶעלְפְט! מֶען דַארְף אָבֶּער גְלֵייבְּן, אוּן טוּן אַלֶעס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֵייסְט, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט.

מוֹשִׁי: וָואס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעהֵייסְן טוּן וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען?

טַאטֶע: דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אַרַיינְגֵיין אִין וַואסֶער!.. אָבֶּער יֶעדֶער הָאט מוֹרָא גֶעהַאט!

שְׁלֹמִי: אוֹיסֶער אֵיין אִיד וָואס הָאט גֶעהֵייסְן "נַחְשׁוֹן בֶּן עֲמִינָדָב". עֶר אִיז אַרַיין גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אִין וַואסֶער, אוּן..... דֶער יַם הָאט זִיךְ גֶעשְׁפָּאלְטְן!

טַאטֶע: אוּן נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע נֵס, וואוּ אִין דִי וֶועלְט עֶס אִיז גֶעוֶוען וַואסֶער, הָאט זִיךְ



דִי וַואסֶער גֶעשְׁפָּאלְטְן ! דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרֶענְגְט פוּן גַן עֵדֶן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע פְרוּכְט בֵּיימֶער, אוּן וֶוען אַ אִינְגֶעלֶע הָאט גֶעבֶּעטְן, מַאמִי, קֶען אִיךְ פְלִיז הָאבְּן אַן עֶפְּל ? הָאט דִי מַאמֶע גֶעקֶענְט צוּגֵיין אוּן אַרָאפְּנֶעמֶען אַן עֶפֶּעלֶע פוּן דִי בּוֹים פוּן גַן עֵדֶן, אוּן סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַזַא דֶעלִישֶׁעס עֶפְּל ! אַז אֵיינֶער הָאט גֶעבֶּעטְן, טַאטִי, קֶען אִיךְ פְלִיז הָאבְּן צוּ טְרִינְקֶען וַואסֶער ? הָאט מֶען גֶעקֶענְט צוּגֵיין צוּ דִי וַואנְט אוּן טְרִינְקֶען וַואסֶער ! וָואס דִי קִינְדֶערְלֶעךְ הָאבְּן גֶעדַארְפְט, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זֵיי גֶעגֶעבְּן.

דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזֶעהן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער ״אַלֵיינְס״ פִּירְט זֵיי, אוּן וַוייזְט זֵיי דֶעם וֶועג, אַלֶע יוּדְן הָאבְּן גֶעזִינְגֶען שִׁירָה צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. אוּן מִרְיָם הַנְבִיאָה הָאט גֶענוּמֶען אַ פּוֹיק, אוּן גֶעדְרָאמְט פַארְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער׳ס וֶועגְן. יֶעדֶער הָאט גֶעזֶעהן דֶעמָאלְטְס, דִי ״גַאנְצֶע וֶועלְט״, וֶוער סְ׳אִיז דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער ! !

מוֹשִׁי: אָבֶּער וֶוען דִי מִצְרִיִים הָאבְּן וַוייטֶער נָאכְגֶעלָאפְן דִי יוּדְן, אִיז דֶער וַואסֶער גֶעוָוארְן צוּרִיק גֶעהֶערִיג, אוּן אַלֶע מִצְרִיִים הָאבְּן זִיךְ דֶערְטְרָאנְקֶען ! ״נִישְׁטָא מֶער״ !

Track 46

ניגון

## בבקעך ים סוף

**בְּבָקְעֲךָ יַם סוּף, עַמְּךָ רָאוּ, הַיָּד הַגְּדוֹלָה, וַיִּירָאוּ.**



הערט אונזערע אנדערע

# איך האב ליב

סידי׳ס, און האט שטארק הנאה!




געזינגען און גערעדט דורך די
הייליגע קינדערלעך קווייער

YOEL KLEIN
RECORDING STUDIO
718-344-1708

Design By: LAZER TORIM 845.371.3000